# VI.

## זייערע ערשטע באָרדער.

די בינטשיקס זיינען א יונגע פּאָאר פּאָלק ערשט א יאָהר צוויי נאָך דער חתונה, האָבען זיי שוין אריינגעקראָגען מיט מזל א באָרדער, און דאָס איז זייער ערשטער באָרדער.

אָנגעלעבט האָבען די מענשען דעם באָרדער זייערען נישט פאר וואויל־טאָג, געבראכט האָט זיי צו דעם דער עקאָנאָמישער קריזיס, וועלכער האָט ווי א שווארצע פּעסט אויסגעבראָכען און האָט גרויזאם געשטיקט די, וועלכע עס מאכען א לעבען פון האנד צום מויל.

די בינטשיקעס האָבען פערנומען פיער צימערן: א שלאָפצימער, א פּארלאָר רום, א דייגינג רום און א קיך די גרויס ווי א גענעץ. און פאר פיער צימערען דארף מען אין ניו יאָרק צאָהלען פיינע דירה געלד.

ווען בינטשיק האָט געארבייט, האָט ער געקענט בעהויפּטען אזא לוקסוס ווי אָנצוהאַלטען גאנצע פיער רומס, ווען עס איז אָבער געקומען דער קריזיס, און בינטשיק האָט געקראָגען א שניט אין דער פּרנסה, איז די מאָנאַטליכע רענט געוואָרען א זאך ניט נאָך זיינע כחות.

און דאַן האָבען מאַן און ווייב גענומען טראַכטען וואָס צו טהאָן; ווי אזוי צו פערקלענערען די הוצאה פון רענט צאָהלען.

צוויי וועגען האָבען די בינטשיקס פאר זיך געזעהען; אָדער אויפגעבען די פיער רומס, און אריבערקלייבען זיך אין דריי צימערען, אָדער טאַקע ווייטער אָנהאַלטען די פיער רומס און אריינגעהמען א באָרדער צום שלאָפען אין פראָנט רום.

די בינטשיקס זיינען ביידע גלייך געווען זעהר שטילע מענשען, שטיל און שעמעוודיג און דער געדאנק צו האָבען א פרעמדען מענשען אין הויז

האָט זיי עפּעס ווי געשראָקען. און מאַן און ווייב זיינען געוועזן מעהר נע־נייגט זיך אריבערצוקלייבען אין דריי רומס, און זיין אליין, אָהן א באָרדער.

איז אָבער דער דייניננג־רום סעט אין וועג געשטאַנען?

וואָס טהוט מען מיט דעם דייניננג־סעט?

ווען מען וועט האָבען נור דריי רומס, וואו וועט מען זיך מיט דעם אהינטהאָן?

פאר'ן פראָנט רום איז דאָ א וויכער פראָנט־רום סעט, און אריינשטע־לען אין קיטשען הייסט עס צו רואינריען די פאָרניטשור און נישט ביי בינ־טשיקען און נישט ביי רייטשלען זיין פרוי האָט געכאַפּט הארץ צו טהאָן אזא זאך.

אזא סעט! אזא סעט! זעקס שטיק פון אמת גוטע האָלץ, און געדעקט מיט גוטען לעדער; עס האָט זיי געקאָסט אַן איינענס מיט געלה, א האַל־בען נדן איהרען האָט רייטשעל אויף דעם דייניננג רום סעט פערספענדט, ווי נעהמט מען אזעלכע גוטע חפצים אוועקשטעלען אין א קיטשען?

אַט דער דייניננג־רום סעט איז רייטשעל'ס גאַנצער לעבען... יעדען פרייטאג פוצט זי דאָס אוים מיט אזא מין לאַק און עס בלישצעט און עס גלאַנצט און עס נעהמט אָפּ אַן אויג... און די פרוי איז איינפאך אין זיע־בעטען הימעל פאר גליק....

וואָלטען זיי שוין געמופט אין דריי רומס, נור דער דייניננג־רום סעט שטעהט זיי אין וועג.

— וואָס־זשע וועט זיין? — פרעגט בינטשיק זיין ווייב — מופען אין דריי רומס אָדער אריינגעהמען א באָרדער?

— אוי, עפּעס א באָרדער? — מאַכט רייטשעל פערשעהמט — עפּעס א פרעמדער מענש אין הויז?

— נו, איז דריי רומס? — טהוט בינטשיק א זאָג.

— און דער דייניננג־רום סעט? — טהוט רייטשעל א פרעג — וואו טהוט מען אהין דעם דייניננג־רום סעט?

— אין קיטשען — זאָגט בינטשיק.

— אוי, וואָס רעדסטו? — ענטפערט רייטשעל און מען זעהט אז עס רייסט איהר נעבעך דאָס הארץ.

מאַן און ווייב פערטראַכטען זיך אויף א ווייל.

— היינט אפשר וואָלט געווען א סברא — זאָגט בינטשיק עפּעס ווי פער־טראכט און ציהענדיג די ווערטער אזוי ווי פון פּעך — היינט אפשר וואָלט געווען א סברא, דעם דייניגג־רום סעט אריינשטעלען אין פּארלאָר־רום.

— און דעם פּארלאָר־סעט? — שטעלט אוועק רייטשעל א קלאָץ־קשיה.

— אין בעד־רום וועלען מיר פּרואווען אריינשפּארען. — פּלאנעוועט בינטשיק.

— און די גרויסע בעט? וואו וועט מען אהניטהאָן די בעט? וואו וועט מען שלאָפען?

— די בעט וועט אויך אריין אין פראָנט־רום.

— א שעהן פּנים וועלען אונזערע רומס האָבען, ווען מען זאָל צושטע־לען די פּארניטשור אזוי ווי דו מיינסט — איז רייטשעל אויף איין האָאר ניט איינשטימיג מיט איהר מאַן.

— נו, מאָ זאָל זיין ווי עס איז יעצט. — גיט בינטשיק זיינע נייע פּלענער.

— וואָס הייסט: ווי יעצט? — בעגרייפט ניט רייטשעל, וואָס איהר מאַן מיינט מיט זיינע ווערטער.

— דער פראָנט־רום סעט אין פראָנט־רום — ערקלערט זיך בינטשיק עט־וואָס דייטליכער — די גרויסע בעט אין בעד־רום.

— און דער דייניגג־רום סעט? — שלאָגט איבער רייטשעל איהר מאַן.

— וועלען מיר פון דער קיטשען מאכען א דייניגג־רום. — דריקט אויס בינטשיק א שפּאָגעל נייע סברה.

רייטשעל איז אָבער ניט פון די, וועלכע עס לאָזען זיך פון א מאַן א קאָפּ פערדרולען, און זי טהוט א זאָג:

— אזוי! פון קיטשען מאכען א דייניגג־רום? און וואו וועט שטעהן דער אויווען? און דער וואש־טאָב? און דער סינק? און וואו וואשט מען? און וואו קאָכט מען? אין דיין דייניגג־רום? א פיינע דייניגג־רום וועט עס זיין?

בינטשיק זעהט, אז ער איז מיט זיין נייער סברה מיאוס דורכגעפאלען, מאכט ער אויף א ווייַלע א שווייג.

— איז וואָס בלייבט? — דערמאָנט רייטשעל איהר מאַן וועגען דער דרינגענדער פראגע.

— מיר קענען אָבער פיער רומס ניט אָנהאַלטען — ענטפערט בינטשיק מיט א פעטער שמייכעל.

— מוז מען נעהמען א באָרדער — זאָגט רייטשעל.

עס פערטראַכט זיך בינטשיק, עס פערטראַכט זיך זיין ווייב.... ביידע שטעלען זיך פאָר ווי ביי זיי אין די פיער רומס געפינט זיך א באָרדער.... עס איז ערשט צוויי יאָהר נאָך דער חתונה, מען איז נאָך א יונג פּאָאר פאָלק.... מאַן און ווייב האָבען זיך נאָך גאַנץ ליעב און זיי נעהמען זיך פיהלען נישט אנגענעהם, פאָרשטעלענדיג זיך ווי א פרעמדער מענש וועט ביי זיי שטענדיג זיין אויף די אויגען. אָן אנדערש מאָל פערגינט מען זיך א שפּיעל־טהאָן אין מיטען העלען טאָג.... אז עס איז ניטאָ וואָס צו טהאָן, נעהמט מען זיך גאָר קושען אין מיטען „ויאמר“.... און דאָ וועט גאָר זיין א פרעמדער מענש.....

— איך רעכען פאָרט בעסער דריי רומס איידער א באָרדער — טהוט א זאָג בינטשיק.

— איך רעכען אויך אזוי. — איז רייטשעל איינשטימיג מיט איהר מאַן'ס מיינונג.

אָבער אָט טהוט א קוק רייטשעל אויף דאָס ביסעל מעבעל אין דיינינג־רום, און עס ווערט איהר שווער און פינסטער אויפ'ן הארצען און איהר גאַנ־צער פּנים בעדעקט זיך מיט א שווערען וואָלקען.

בינטשיק קוקט אָן זיין ווייב, און ער פערשטעהט זיין רייטשעל'ס מחשבות און עס ווערט איהם אויך שווער אויפ'ן הארצען און אויך אויף זיין פּנים צושפּרייט זיך א מעלאַנכאָליע.

נור אָט האָט בינטשיק'ס פּנים אויפגעשטראַהלט — דאָס האָט זיך דער מאַן דערמאָנט אָן צאַדיקאָוו'ען!

בינטשיק און צאַדיקאָוו זיינען לאַנדסלייט, און אזוי ווי רייטשעל איז מיט איהר בינטשיקען פון איין שטאָדט, איז צאדיקאָוו אויך איהרער א לאַנדסמאַן.

אמאָל ווען ער, בינטשיק, און זיין רייטשעל זיינען נאָך ניט געווען פער־הייראטה, פלעגען זיי זיך ביידע טרעפען אָט מיט דעם צאַדיקאָוו'ען; מען איז געווען נאָהענטע בעקאַנטע און אויף בינטשיק'ס חתונה אין צאַדיקאָוו גאָר א גאַנצער מחותן געווען.

מיט אַ יאָהר דריי צוריק איז בינטשיק צוזאמען מיט צאַדיקאָוו'ען אויף איין לאָזשי געשטאַנען און בינטשיק דערמאָנט זיך יעצט, וואָס פאר אַ טהייערער, וואָס פאר אַ זעלטענער באָרדער אָט דער צאַדיקאָוו איז געווען. בינטשיק געדענקט זיין לאַנדסמאַן אַלס אַ גרויסער האָרעפּאַסניק... ער געדענקט ווי צאַדיקאָוו פלעגט ארבייטען שבת און זונטאג און כמעט אַלע נאַכט אָווערטיים, צאַדיקאָוו פלעגט נעווער אין דער היים אַ מינוט זיצען. אויב עס פלעגט זיך מאכען אַ שטונדע וואָס ער פלעגט ניט האָבען קיין ארבייט, פלעגט ער געהן אין אַ מרחץ, נור אין הויז פלעגט ער נעווער זיצען.

און בינטשיק'ען איז ארויפגעקומען אַ געדאַנק דאַקאַזשעו זיין לאַנדסמאַן אַלס אַ באָרדער....

דאָס וואָלט געהייסען טאקע אַ באָרדער און צו דערזעלבער צייט עפּעס ווי גאָר נישט קיין באָרדער.

קיין פרעמדער מענש איז דאָך דאָס ניט.... היינט אַ מענש, וואָס קומט נור אהיים איבערשלאָפען איז דאָך גלאַט אַ פערגניגען צו האָבען אַלס אַ באָרדער.

בינטשיק האָט דערצעהלט רייטשלען וואָס ער טראַכט און ביי דער פּאָאַר פּאָלק איז געבליבען אויפזוכען זייער גוטען לאַנדסמאַן און אריינגעהמען איהם אין באָארד...

און די בינטשיקס האָבען זייער לאַנדסמאַן אויסגעפונען און צאַדיקאָוו איז זייער באָרדער געוואָרען, זייער ערשטער באָרדער.

דער קריזיס מאַכט ניט קיין אויסנאַהמע מיט סינגעל־לייט און צו דערזעלבער צייט, וואָס בינטשיק איז געווען אויף צרות, האָט שוין צאַדיקאָוו אויך מעהר נישט געהאַט זיינע שמאַליגע צייטען און דער מאַן האָט זיך גוט ארומגעפלאָגט; בינטשיק האָט אויף דעם גאָר ניט פערטראַכט, דערוואוסט האָט ער זיך פון דער צרה דאַן, ווען צאַדיקאָוו איז שוין ביי איהם אין פראָנט־רום איינגעשטאַנען....

און זינד צאַדיקאָוו האָט פערלאָרען די ארבייט איז ער געוואָרען גאָר אַן אנדער מענש, עפּעס גאָר ניט אזא ווי בינטשיק האָט איהם געדענקט.

צאַדיקאָוו איז געווען אַ היימישער מענש... אָבער טאַקע גאָר אַ היימישער.... ער געהט ניט ארויס פון הויז אויף אַ טריט ניט... ווייטער האָט בינטשיק זיך דערוואוסט, אז דער צאַדיקאָוו איז זעהר אַ פריינדליכער מענש

און האָט אימער ליעב זיך צו געפינען מיט אימיצען צוזאמען.... אויף איין מינוטעלע האָט דער מענש ניט ליעב צו פערבלייבען אליין... און וואו עס געפינט זיך נור ער, בינטשיק, און זיין פרוי, דאָרטען געפינט זיך אויך זייער היימליכער באָרדער.... איז בינטשיק און זיין רייטשעל אין פראָנט־רום... איז צאַדיקאָוו אויך אין פראָנט־רום.... געהען זיי אוועק אין דיינינג־רום... געהט ער אויך אין דיינינג־רום.... איז מען אין קיטשען, איז ער אויך דאָ.... אפילו אין בעד־רום לאָזט ער זיי אָפּ נור ביי־נאכט.... ביי־טאָג געהט ער זיי נאָך אין בעד־רום אויך....

און זינד צאַדיקאָוו האָט אריינגעמופט צו די בינטשיקס, זיינען די פּאָאר פּאָלק קיין איין מינוט ניט פערבליבען אויג אויף אויג אָהן דער אנוועזענהייט פון זייער באָרדער!

צאָהלען צאָהלט ניט צאַדיקאָוו; ער ארבייט ניט האָט ער ניט מיט וואָס צו צאָהלען... שוין דריי חדשים, אז ער וואָהנט ביי די בינטשיקס און ניט בינטשיק און ניט רייטשעל האָבען די מוטה צו בעטען בעצאָהלט פון זייער לאַנדסמאַן....

און אונזער פּאָאר פּאָלק ווערען ביידע באלד משוגע פון צרות איבער זייער נייעם באָרדער...ביידע וואָלטען גערן פטור ווערען פון זייער אונגליק, אָבער ניט בינטשיק און ניט רייטשעל קענען אַ וואָרט זאָגען זייער באָרדער ווענען דעם וואָס זיי ווילען.

ווענען קושען זיך אָדער ווענען א שפּיעל טהאָן זיך ביי טאָג איז שוין נוט־באַי ביי די בינטשיקס! מען קען ניט! צאַדיקאָוו איז שטענדיג אויף די אויגען... מען איז דאָך אָבער ניט מעהר ווי זינדיגע מענשען, און ווי מאַן און ווייב האָבען זיך ליעב, פונדעסטוועגען מוז מען דאָך אן אנדערש מאָל דורכווערטלען זיך... וואָס־זשע טהוט מען? וואו בעגראָבט מען זיך פון דעם באָרדער? האָבען די בינטשיקס א לאַנגע צייט דורך דעם זעהר געליטען, נור יעצט האָבען זיי א מיטעל געפונען... ווען מאַן און ווייב פיהלען, אז מען מוז א קריעג טהון זיך א ביסעל, געהען זיי אוועק אויפ׳ן רוף און דאָרטען ניסט מען אוים די הערצער.

און אזוי ווערנען זיך די בינטשיקס מיט זייער ערשטען באָרדער!

---